**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/21/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באלייכטונג פון NYS צענטראלע סטרוקטורן אין פייערונג פון NEW YORK LIBERTY'ס געווינס אין לעצטע שטאפל פון WNBA פארמעסט**

***ניו יארק באלאכטן ווערן אין העל גרין און ווייס אין אנערקענונג פון די New York Liberty'ס ערשטע טשעמפיאנשיפ געווינס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין העל גרין און ווייס אום אקטאבער 21, 2024 צו פייערן די New York Liberty טיעם'ס געווינס אין די Women's National Basketball Association (WNBA) פארמעסט. די Liberty טיעם האט באזיגט די Minnesota Lynx טיעם אין די 5'טע שפיל אין א סעריע פון די מערסטע געווינסן אין פינף שפילן, זיך פארדינענדיג די טיעם'ס ערשטע טשעמפיאנשיפ טיטל אין איר 28-יאריגע היסטאריע.

"ניו יארק איז א געוואלדיגע סטעיט פאר ספארטס, און די שפיל נעכטן ביינאכט האט נישט נאר געוואונען די ערשטע טשעמפיאנשיפ טיטל פאר די Liberty טיעם, נאר עס איז אויך א טשעמפיאנשיפ טיטל פאר ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נערוועזיגקייט און שפאנונג און די זיג וואס איז ערווארטעט געווארן בייסנדיג די נעגל האט געגעבן אן עלעקטרישע נאכט פאר ניו יארקער, און איך בין גאר שטאלץ מיט יעדע איינציגע פון די Liberty'ס שפילערינס אזוי ווי מיר זענען פאר צו פייערן זייער ערליך-פארדינטע געווינס."

די צענטראלע סטרוקטורן וואס וועלן באלאכטן ווערן אין פייערונג רעכענען אריין:

- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאַסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- עמפייער סטעיט פלאזא
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

די New York Liberty האט זיך פארדינט איר ערשטע WNBA טשעמפיאנשיפ ביי איר היים אין די Brooklyn’s Barclays Center אום אקטאבער 20, 2024 דורכאויס איר 19'טע פארמעסטן ערשיינונג אין די היסטאריע פון די טיעם. די Minnesota Lynx טיעם איז געווען העכער מיט צוויי פונקטן אין די לעצטע סעקונדעס פון די 5'טע שפיל, אבער מיט בלויז 5.2 סעקונדעס איבערגעבליבן, איז א פארלעצונג ('פאַול') אויסגערופן געווארן קעגן עלענע סמיט פון די Lynx טיעם, און אין די פארגוטיגנדע געלעגנהייטן צוווארפן די באל אן קעגנשטעלונג ('פרי שאַטס'), האט די Liberty'ס 'פארווערטס' שפילערין, בריענע סטוּערט – וואס האט געוואונען די All-WNBA אויסצייכענונג און צוויי מאל די MVP אויסצייכענונג – ערפאלגרייך געווארפן די באל צוויי מאל, ברענגענדיג די פארמעסט צו א גלייכשטאנד מיטביידע טיעמס האבנדיג 60 פונקטן. אין די צוגעגעבענע צייט ('אָווערטיים') איז די New York Liberty ארויסגעקומען די געווינער, פארזיכערנדיג זייער טשעמפיאנשיפ מיט א געווינס פון 67-62 איבער די Lynx אין א גורל"דיגע 5'טע שפיל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן